געוואָרן; נאָר צוליב די אויסדערוויילטע וועלן יענע
23 טעג יאָ פאַרקירצט ווערן· ווען עמיצער וועט אייך
דעמלט זאָגן: זע, דאָ איז דער משיח, אָדער: דאָ!
24 זאָלט איר עס נישט גלויבן· וואָרום עס וועלן אויפ־
שטיין פאַלשע משיחים, און פאַלשע נביאים, און וועלן
געבן גרויסע אותות און מופתים, אַזש צו פאַרפירן,
25 אויב מעגלעך, אַפילו די אויסדערוויילטע· זע,
26 איך האָב עס אייך פאָרויסגעזאָגט· ווען זשע זיי וועלן
אייך זאָגן: זע, ער איז אין דער מדבר; זאָלט איר
נישט אַרויסגיין; זע, (בחדרי) חדרים; גלויבט עס
27 נישט· וואָרום אַזוי ווי דער בליץ קומט אַרויס פון
מזרח, און שיינט ביז מערב, אַזוי וועט זיין דאָס קומען
28 פון דעם בן־אדם· נאָר וואו דער טויטער קערפּער
איז דאָרט וועלן זיך פאַרזאַמלען די אָדלערס·
29 און באַלד נאָך דער צרה פון יענע טעג, וועט די
זון פאַרפינסטערט ווערן, און די לבנה וועט נישט
געבן איר ליכט, און די שטערן וועלן פאַלן פון
הימל, און די כוחות פון הימל וועלן דערשיטערט
30 ווערן· און דעמלט וועט זיך באַווייזן דאָס צייכן
פון דעם בן־אדם אין הימל, און דעמלט וועלן אַלע
משפחות פון דער ערד קלאָגן, און וועלן זעען
דעם בן־אדם קומען אויף די וואָלקנס פון הימל מיט
31 גרויס מאַכט און הערלעכקייט· (דניאל ז, יג, יד·) און
ער וועט שיקן זיינע מלאָכים מיט אַ גרויסן שופר,
און זיי וועלן איינזאַמלען זיינע אויסדערוויילטע פון
די פיר ווינטן, פון איין עק הימל ביז צום אַנדערן עק
הימל·

32 און פון דעם פייגנבוים לערנט זיך דאָס משל:
ווען זיין צווייג ווערט שוין זאַפטיק, און ברענגט
אַרויס בלעטער, ווייסט איר, אַז זומער איז נאָענט·
33 אַזוי אויך איר, ווען איר זעט דאָס אַלץ, זאָלט וויסן,